ISSUE 13 — Dec.. 29 '24 — WILLIAMSBURG YIDENE · WEEKLY FREE PUBLICATION — פרשת ויגש תשפ"ה — בס"ד



ווילִיאמסבורג
בארא פארק
מאנסי
קרית יואל
CANADA\UK

## סארנא מעטאד
נאטורליך

## פרישע פאנקען
רעסעפי

## היים ארבעט
פענסטערל


VICTORIAN WIGS
Victorianwigs.com Sales@victorianwigs.com 845-274-0614
Now In!
Grace Collection
Beautiful Mono top cap


impress her
nd her and
r and her
and her
nd her.
LA PLUME
LINGERIE
Text or Whatsapp to Order
Williamsburg: The W Mall 718.831.2739
Monsey: 17 Main Street 845.388.1688
Order Online
LaPlumeNY.com
See it All
LaPlume.Lingerie

# Gifts that will

and her




an

her




and he




and her



and her



ar

Daily Delivery to Monsey

# CHANUKAH SPECIALS

לכבוד חנוכה

## BULK PACK CHICKEN NUGGETS $6.99*

| | |
|---|---|
| NEW ITEM SMOKED TURKEY WINGS **$5.49 lb** | BEEF N.Y. STRIP STEAK **$22.99 lb** |
| GREAT FOR PULLED BEEF BEEF BRISKET 1ST CUT **$12.99 lb** | PICKLED BEEF PASTRAMI ROLL **$13.99 lb** |
| CHICKEN CAPONS **$7.99 lb** | BEEF PEPPER STEAK **$14.99 lb** |

ALL SPECIALS MUST BE PAID IN FULL

*In store only

| WILLIAMSBURG | WILLIAMSBURG | WILLIAMSBURG | WILLIAMSBURG | KIRYAS YOEL | BORO PARK | BORO PARK |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 360 Wallabout | 80 Lee Ave. | 823 Bedford | 239 Lee Ave. | 68 Forest Rd. | 5023 N. Utrecht | 4525 16th Ave. |
| 718.963.1100 | 718.963.1100 | 718.963.1100 | 718.963.1100 | 845.782.2900 | 718.854.2100 | 718.854.2100 |

סאטמאר פל״ש

דער העכסטער סטאנדארט אין כשרות הבשר

**NEW** You can now leave a message with your comments or feedback on 845.782.2900 Ext #5

# אנליין שאפינג
# כשר למהדרין

רופט אריין 24 שעה אין טאג צו
ערלעדיגן אלע אנליין געברויכן דורך
א נישט-אידישע ארבייטער און דארפן
צורירן צום אינטערנעט.
גרינג. פראקטיש. אויסגעהאלטן
למהדרין מן המהדרין.

proclick

800.972.8242


Give Her The Gift Of Choice.
Gift Card
Donittique
FULL LINE OF FRAGRANCE GIFT SETS
Signorina
Eleganza
Salvatore Ferragamo
Give a Donittique Gift Card, which doesn't expire, and gives her all the flexibility to purchase her own favorites.
Donittique
TEENS & ADULTS \\ VOCHEN & SHABBOS \\ LINGERIE, BASICS & HEADGEAR
BROOKLYN: 718.500.3664 | 193 Harrison Ave, Brooklyn NY 11206
Conveniently located in the Pfizer, Foodoo Area.


בס"ד
Chic, Cute, & Cozy.
CLOUD NINE FASHION FOR THE TINIEST BUNDLES.
KINTS
SWEATER SETS
TAKE ME HOME SETS
STRETCHIES
COCOONS
BRIS GOWNS
POYAS
BLANKETS
TOWELS
PERFUME
PACI CLIPS
BABY JEWELRY
BEARS
DOLLS
RATTLES
DG
DECORATIVE GIFTS
Designer gift wrapping, our specialty!
www.decorativegiftsstore.com
4 Lublin Way | 845-783-1944 | 845-500-7763
Hours: Sun-Thurs: 11:30-6:00; Fri: 11:00-1:00

# FOR THAT SPECIAL SOMEONE

Who deserves better than another diffuser set or Visa card which will end up at the grocery cashier.



Gifting at Princess

PRINCESS BOUTIQUE

new york

The gift she'll actually appreciate.

Gift cards never expire.




Brooklyn: 175 Hewes St. | 718.855.8385 ∽ Monroe: 5 Lipa Friedman Ln | 845.782.5842

eiffelteam.com


PUT AN END TO THE REVOLT
mealmart
mmmm
mannsales.co x pivotgroup.nyc | ease that pain in your temple.
MealMart®
Eight nights, hundreds of happy memories, and zero stress.
This chanukah you can hang up your apron (not your gloves), and enjoy food everyone loves.
Ready in minutes and always delicious, because the best family moments aren't spent in the kitchen.
Mmmm, it's MealMart.

# פרשה פונקען

א פונק וואס מיר
קענען ארויסנעמען
פון דער פרשה

## חנוכה

פארוואס האט אויסגעפעלט אז דער אייבערשטער זאל מאכן א נס מיט דעם אויל. די הלכה איז דאך אז ווען עס איז נאר פאראן טמא'נע אויל, מעג מען צינדן דערמיט? דער באשעפער האט אבער געוואלט צייגן א 'חיבה יתירה' (ספעציעלע ליבשאפט) פאר כלל ישראל, און דעמאנסטרירן אז אונזערע מצוות זענען באליבט ביי אים. (פני יהושע)

שאול האט אנגעכאפט דעם רעדל מיט שטייפע הענט. מיילן פון א ליידיגן שאסיי האבן זיך געשלענגלט פאר אים, און זיין אויטא איז געפארן דערויף געשמירט. דאס איינציגע פראבלעם איז געווען אז ער אליין האט נישט געהאט די מינדסטע השגה וואו אהין ער פארט.

געוויסע איינצלהייטן זענען געווען קלאר ביי אים אין גדאנק. עס איז פרייטאג אינדערפרי, און אויב וויל ער נישט פארברענגען שבת אין זיין קאר, מוז ער טרעפן א פאסיג ארט צו נעכטיגן. שאול איז א איד וועלכער פארט כסדר ארום פון שטאט צו שטאט פאר געשעפטן, און צומאל זענען 'פאנטשערס' אומפארמיידליך. געפלאנט האט ער צו וויילן דעם שבת אין סאקראמענטא, קאליפארניע, א שטאט וואו ער האט געהאט טעליכע באקאנטע, און פון דאנערשטאג אנגעהויבן האט ער זיך פרובירט צו פארבינדן מיט זיי צו הערן אויב זיי האבן פאר אים פלאץ.

זיינע פינגערס זענען געשפרונגען אויף די קנעפלעך פון זיין סעלפאן, און א מעסעדזש איז געפלויגן צו זיינעם א באקאנטער, וועלכער האט געהאט א הכנסת אורחים צימערל געווידמעט פאר געסט. ער האט אבער נישט באקומען קיין אנטווארט פון אים. פרייטאג אינדערפרי האט זיך שאול'ס טעלעפאן ענדליך צופיפן. "איך אנטשולדיג זיך זייער," האט יענער געמאלדן, "אבער דער צימער איז שוין פארנומען."

שאול האט נישט פארשוועדנט קיין מאמענט, ער האט זיך גלייך פארבונדן מיט א חבר פון סאקראמענטא און אים געפרעגט אויב ער וואלט געווען וויליג אים אריינצונעמען דעם שבת. "איך האב מורא אז נישט," האט יענער אים געענטפערט מיט באדויערע. "ס'איז בין הזמנים, און די בחורים זענען אהיימגעקומען פון ישיבה. איך האב נישט קיין ליידיגן בעט פאר דיר."

אצינד איז סאקראמענטא מער נישט געווען קיין אפציע; דער זייגער האט זיך גערוקט, ברענגענדיג די וועלט נאך א מינוט נענטער צום מאמענט ווען די שבת המלכה וועט איר איינהילן אין איר מלוכה, אויסשפרייטנדיג א פולקאמע רואיגקייט מיט אירע ווייסע פליגלען. שאול האט אבער געשפירט זייער ווייט פון דער רואיגקייט. זיין אנגעצויגנקייט האט געצייכנט קנייטשן אויף זיין שטערן און פארשטייפט זיינע פארצווייפלטע פינגערס ארום דעם רעדל. אין וועלכן לעכל וועט ער דער וואך מקבל שבת זיין?

אפשר איז פאראן נאך עפעס א אידישער ישוב אין דעם פארווארפענעם געגנט? פארברענגען שבת איינזאם אליין איז אים נישט געווען צום הארצן, ער האט אזוי געוואלט זיין צווישן אידן. ער האט זיך אינטערעסירט, און יא, ער האט טאקע געטראפן נאך צוויי ערטער וואו עס געפינען זיך אידן. אבער אלע מאטעלן אין די געגנטער, האט מען אים געמאלדן, פארמאגן "בעדבאגס". שאול האט שוין צופיל מאל געהאט די פריווילעגיע צו טיילן זיין מאטעל צימער מיט די פיצקעלע באשעפענישן, און די אינזעקטן האבן אים גורם געווען א געפערליכע אלערגיע. אין אזא מאטעל איז ער נישט געווען אומשטאנד צו שלאפן.

"יא, מיר האבן א ליידיגן צימער," האט מען אים אינפארמירט אין דעם קומענדיגן מאטעל. "אבער איר וועט מוזן טוישן צו א צווייטן צימער שבת אינדערפרי."

שאול האט באאבאכט דעם בנין, און דער אנגעשטעלטער האט אים צוגעוויזן אז כדי אנצוקומען פון איין צימער צום צווייטן, דארף מען ארויסגיין אויף דער גאס. שאול האט זיך אויסגעדרייט אן א ווארט און זיך צוריקגעקערט צו זיין אויטא. אום שבת קען ער זיך דאך נישט אריבערפעקלען מיט אלע זיינע באגאזשן דורך דער גאס.

איז וואו, רבונו של עולם, וועל איך זיין דעם שבת? דיין וועלט איז דאך אזוי גרויס. האסטו נישט אנגעגרייט א רואיג ווינקל ערגעצוואו פאר מיר?!

שאול האט אצינד שוין אויפגעהערט טראכטן וועגן זיין שבת צווישן אידן. ער האט פשוט אנגעהויבן דורכגיין איין מאטעל נאכ'ן צווייטן, ביז ער איז ענדליך אנגעקומען צו א קליינעם בנין וואס האט אויסגעזען פאסיג.

א דאך איבער'ן קאפ האט ער שוין געהאט. אצינד האט ער זיך געדארפט פארזארגן מיט די אנדערע מינימאלע שבת'דיגע געברויכן. פון הייסע זופ און ווארעמע טשולנט האט ער אפילו נישט געטרויעט צו חלומ'ען. אבער על פי דין דארף מען ביי א שבת'דיגער סעודה מאכן קידוש און זיך וואשן.

פארברענגענדיג אזויפיל צייט אונטערוועגנס, האט שאול זיך געהאט צאמגעשטעלט א 'שבת באקס', וואו ער האט זיך איינגעפאקט אלעס וואס פאדערט זיך אויב טרעפט ער זיך אמאל אין אזא סארט מצב. ער האט אבער גענוצט דעם שאכטל א קורצע צייט בעפאר, און אצינד איז עס געווען ליידיג. מיט זיך האט ער נאר געהאט א פעקל ברויט.

וואספארא סארט שבת וועט ער האבן איינזאם, אליין, אן קיין היימישע פנים אויסטוישן א גוט ווארט, אן קיין ווארעמע תפילות בציבור, אן קיין רייכע שבת סעודות? ער וואלט שוין באלד מוחל געווען אויף דעם אלעם – מען קען אפהיטן שבת כהלכה אפילו ווען די אלע איינצלהייטן פעלן – אבער...

דער טאג איז פארבייגעגאנגען מיט שנעלע טריט, באלד הייבט די זון אן מאכן א ריקצוג איבער'ן הימל. שאול האט זיך צוריק אריינגעזעצט אין זיין קאר און עס בליץ שנעל געפירט צום

**א. סאלאמאן**
845.200.3313 #101

דערנעבנדיגן "וואלמארט", וואו ער האט זיך געוואלט איינהאנדלען פלאסטיק געשיר און עטליכע ירקות.

א דיקע ווארימל פון זארג האט זיך אריינגעשלייכט אין זיין הארץ וואו עס האט זיך טיף איינגעגראבן, און עס האט אויסגעזען ווי עס וויל זיך דארט באזעצן אויף אייביג. אויף וואס וועט ער קידוש מאכן? ער פארמאגט בלויז רעפטלעך ברויט, און ווי ווייט ער האט געוואוסט, קען מען נאר מאכן קידוש אויף לחם משנה.

דאס "וואלמארט" געשעפט האט געווירבלט מיט מענטשן, קולות און געשפרעכן האבן געשוועבט אין דער לופט, אבער זיי האבן נישט באוויזן דורכצולעכערן דעם געדעכטן אומזעבארן פאנצער פון זארג וואס האט ארומגענומען שאול'ן. ער האט זיך געדרייט רעכטס, ווילנדיג דערגרייכן די גרינצייג.

איין מינוט – וואס איז דאס? רייעס און רייעס פון פלעשלעך ווייין זענען געשטאנען אויסגע'שורה'ט מיט א גראדער פונקטליכקייט, ווי סאלדאטן ביי א מארש. קאליפארניע איז א היים פאר פילע וויין פאבריקן, און דער רייכער אויסוואל פון הונדערטער וויינען האט דאס אפגעשפיגלט.

אבער וויין וואס איז נישט כשר העלפט אים בכלל נישט. און מיט דער וויסנשאפט וואס אזא ערפארענער רייזנדער ווי ער האט זיך ערווארבן, האט ער געוואוסט מיט א הונדערט-פראצענטיגער זיכערקייט אז וואלמארט פארמאגט נישט קיין כשר'ע וויין אדער גרעיפ-זשוס; עס איז פשוט נישט מעגליך אז ער זאל דארט טרעפן עפעס אויף וואס קידוש צו מאכן.

אפשר דאך?

זיינע אויגן האבן דורכגענישטערט די פלעשלעך. א שפור פון האפענונג האט זיך פארט אריינגעכאפט אין זיין הארץ, אבער זיין מח האט עס אוועקגעמאכט מיט א ציניש גלעלעכטער. 'פרוביר, פארוואס נישט?' האט עס חוזק געמאכט פון אים. 'שאטן קען עס זיכער נישט. אבער נישט פון דא וועסטו געהאלפן ווערן, קענסט זיין זיכער אין דעם. אפשר אין געגנטער וואו עס איז דא א גרויסע אידישע אנוועזנהייט, פארקויפט וואלמארט כשר'ע גרעיפ-זשוס, אבער אין אזא פארווארפן ווינקל איז עס נישטא צום געפינען. אויב וואלט וואלמארט פארקויפט כשר'ע וויין, וואלסטו שוין געהערט פון דעם. עס איז נישט עפעס וואס איז במציאות דא צו טרעפן.'

שאול האט דורכגעשפרייזט די גאנצע רייע. וויינען פון אלע סארטן, מאסן און קאלירן זענען געווען דארט צום געפינען, אבער ווי זיין מח האט ערווארטעט, איז נישט געווען דארט עפעס וואס ער האט געקענט ניצן.

אט איז ער אנגעקומען צום סוף, און צווישן די פלעשלעך אויף דער פאליצע –

עס זעט אויס ווי א "ברתנורא", ניין?

שאול האט צוגעמאכט זיינע אויגן און עס ווידער געעפנט. דאס פלעשל האט אים רואיג צוריקגעקוקט, זיינע בלויע באקן פארמירנדיג א לוסטיגן, באדייטפולן שמייכל. שאול האט עס אויפגעהויבן אומגלויבליך. יא, עס איז א ברתנורא. אפשר איז גאר פארהאן א טריפה'נע צווייגל פון דער פירמע? ער האט אנאליזירט דעם פלעשל און זיך איבערצייגט אז עס פארמאגט א הכשר און איז אפילו מבושל!

זיינע אויגן האבן געפינטלט מיט שאק. ער איז געשטאנען צוגענאגלט צום ארט און זיך נישט גערירט פאר עטליכע מינוטן. די גאנצע וועלט איז געשטארבן ארום אים. די איינציגע זאך וואס האט עקזיסטירט איז געווען דאס טייערע פלעשל אין זיין האנט.

"סיר?" האט א העפליכע שטימע דורכגעשניטן דעם נעפל פון זיין שאק.

שאול האט האסטיג אויפגעהויבן זיינע אויגן. צוויי וואלמארט אנגעשטעלטע זענען געשטאנען



פאר אים און אים באטראכט מיט א קענטיגן נייגער. "סיר, איז אלעס אקעי?"

זעט אויס אז זיין אויפפירונג איז געווען גענוג מאדנע זיי צו אלארמירן. שאול האט שנעל געשמייכלט. "יא, אלעס איז אין ארדענונג," האט ער זיי פארזיכערט. "אבער זאגט מיר, איר האט נאך פון דעם וויין?"

יענער האט בליק געגעבן אויף דעם פלעשל. "ניין, דאס איז דאס לעצטע פון דעם סארט וואס מיר פארמאגן."

לאנגזאם האט זיך שאול אפגעריסן פון ארט. ער האט גענומען די איבריגע פראדוקטן וואס ער האט געדארפט, און איז געגאנגען באצאלן. אין זיין קאר, האט ער מיט טרייסלענדע הענט אפירגענומען דעם פלעשל און געקוקט דערויף ווי עס וואלט געווען דער אורים ותומים.

*טאטע זיסער, וואס ווילסטו מיר דא זאגן?*

k

דורכאויס זיין לעבן, האט שאול צענדליגער מאל געהאט די געלעגנהייט צו ציגן מסירת נפש פאר'ן אייבערשטן. זיין גאנצע לעבנסגעשיכטע איז א קייט פון שפרודלדיגע אהבת השם. ער האט געהאט ביטערע נסיונות, און אלע פון זיי איז ער העלדיש בייגעשטאנען.

עס איז געווען אמאל א צייט וואס ער האט געהאט א היים און א ווארעמע משפחה, ער האט פארמאגט א סוקסעספולע ביזנעס. אין די גוטע צייטן, ווען אויף זיין שבת-טיש איז געווען אויסגעשפרייט א שניי-ווייסער טישטוך און היימישע גערוכן האבן זיך דערטראגן פון קאך, פלעגן זיצן ארום זיין טיש צוועלף-פערצן מענטשן יעדע וואך, און ער פלעגט פירן הערליכע סעודות. אלעמאל האט ער געלאדנט געסט צו זיינע סעודות. אה, דער גליק ווען ער פלעגט קידוש מאכן ביי זיין קעניגליכן טיש!

און דאן איז דאס הערליכע בילד צעשפליטערט געווארן אין צעבראכענע שארבן, זיין לעבן איז פארוואנדלט געווארן אין א בייזן חלום. דער גליק וואס האט אים איינגעהילט ווי א ראזע נעפל האט

↵

# פרשה פונקען

אויסגעוועפט, דערווייטערנדיג זיך ווי א דינער שפור פון רויך. ער האט פארלוירן זיין פרנסה, און נאך ערגער פון דעם האט ער פארלוירן זיין משפחה. קיין זאך איז נישט געווען מער ווי אמאל, און אנשטאט פירן הערליכע סעודות פאר געסט, איז ער אליין גאר געווען דער גאסט ביי פרעמדע טישן.

דאס ערשטע מאל וואס ער האט געגעסן ביי א צווייטן, האט מען אים צוגעשטעלט א בעכער און א טעצל קידוש צו מאכן. שאול האט אראפגעקוקט אויף די פינקלדיגע זילבער וואס א געטרייע האנט האט פלייסיג געפוצט ערב שבת, און זיינע אויגן האבן אנגעהויבן גלאנצן מיט א ציפעדיגער פליסיגקייט. ער האט זיך געזען מאכן קידוש ביי זיין אייגענעם טיש, און א געדעכטע קנויל האט זיך געשטעלט ביי אים אין האלז. עס איז נישט מעגליך געווען ארויסצוברענגען ווערטער; א דיקע משא האט איינגעשטילט זיינע שטים-בענדער.

מיט זיין האנט האט ער געוויזן פאר'ן בעל הבית אז ער וויל יוצא זיין קידוש פון אים; יענער האט גערן מסכים געווען.

און אזוי איז געווען דורכאויס די קומענדיגע צוויי-און-א-האלב יאר וואס האבן דורכגעשפרייזט אויף דעם באדן פון זיין לעבן. יעדע וואך שבת האט ער יוצא געווען קידוש פון דעם בעל הבית אין דעם הויז וואו ער האט זיך געפונען. "איר זענט זיכער?" פלעגט מען אים צומאל פרעגן. "אפשר מאכט איר קידוש אליין?"




שאול האט געשאקלט מיט'ן קאפ פון רעכטס צו לינקס, ער האט נישט געקענט מאכן קידוש. עס האט אים פשוט שווער געמאכט אויפ'ן הארצן און ערוועקט זכרונות וואס האבן אים צושטערט זיין שבת.

אצינד איז ער געזעסן אין זיין קאר ווי א געלעמטער. דאס פלעשל וויין אין זיינע הענט האט אים נישט ערלויבט אנצוצינדן זיין אויטא און צוריקפארן צו זיין מאטעל. זיין גאנצער קערפער האט זיך געטרייסלט.

וואס זענען די שאנסן אז מען זאל טרעפן א פלעשל כשר'ע וויין אין א וואלמארט? ער וואלט געזאגט אז עס איז סטאטיסטיש אוממעגליך. אין אנדערע ווערטער, וואלט ער עס אנגערופן א נס.

*וואס ווילסטו מיר זאגן דערמיט, רבונו של עולם?*

זיינע אויגן האבן זיך אנגעפילט, פארנעפלנדיג דעם האריזאנט. בלויז איין ענטפער האט אים געקלונגען אין די אויערן, הויך און קלאר ווי צענדליגע גלאקן.

דו מאכסט נישט קידוש, קינד מיינס. און טראצדעם וואס דו ביסט נישט עובר אויף אן הלכה - מען מעג יוצא זיין פון א צווייטן - ווארט איך אויף דיין קידוש. איך וויל אז דו זאלסט אליין קידוש מאכן. דיין עבודה איז ביי מיר ליב און טייער, און גענוג וויכטיג אז איך האב דיר צוגעשיקט וויין אין א פלאץ וואו עס איז נישט במציאות צו טרעפן כשר'ע וויין, כדי דו זאלסט אנערקענען אז: איך דארף דיינע מצוות, איך האב ליב דיינע מצוות. אן דיינע מצוות, איז מיין וועלט נישט גאנץ.

שאול האט געפירט זיין האנט איבער זיינע אויגן, אויסקלארנדיג זיין זע-קראפט. מיט איידעלע באוועגונגען האט ער אראפגעלייגט דעם פלעשל נעבן זיך און ענדליך אקטיוויזירט דעם מאטאר. עס איז שוין אט-אט שבת, ער דארף זיך צוריקקערן צו דעם מאטעל, וואו עסווארט אויף אים א דערהויבענער שבת, א שבת וואו ער אליין וועט קידוש מאכן אויף דעם וויין וואס דער בורא עולם האט אים צוגעשיקט.

עס איז געווען א געשמאקער וויין. א וויין וואס האט געהאט די זיסקייט פון קרבת אלקים.

*ווי געהערט פון דעם בעל המעשה, וועלכער האט נאך קיינמאל נישט פארפאסט קיין קידוש זינט דאן. אפילו ווען ער געפינט זיך ביי מענטשן וועלכע ווילן מוציא זיין אלע געסט, האלט ער זיך ביי זיינעם און ער מאכט קידוש אליין.* K

## פראקטיש געזאגט:

אין די לאנגע, פראסטיגע ווינטער-נעכט, איז דיווארעמקייט פון חנוכה א לייכט-טורעם וואס סיגנאליזירט נאנטשאפט צו אונז רייזנדע פון לעבן. חנוכה האט אונז דער באשעפער געצייגט אז ער האט ליב אונזערע מצוות, און ווי שטארק ער גארט אוןווארט דערויף. יעדע פעולה וואס מיר טוען, קיין חילוק ווי קליינליך אדער נישטיג עס זעט אויס אין אונזערע אויגן, איז חשוב און געשעצט ביים אייבערשטן. אלעס וואס א אידישע מאמע טוט אין איר טאג-טעגליכן לעבן, איז א מצוה - ווען מיר דרייען זיך אין קאך, ווען מיר גיבן זיך אפ מיט די קינדער, ווען מיר טוען נאכאמאל דאס וואס מיר האבן בלויז נעכטן געטון - און טראצדעם וואס עס קען זיך אונז דאכטן אז אונזערע מעשים זענען קלייניקייטן, פעולות וואס האבן נישט קיין ווערד, דארפן מיר זיך דערמאנען אז עס איז נישט אזוי; ביים באשעפער זענען אונזערע מעשים אויסטערליש באליבט, און ער ווארט אזוי שטארק דערויף.


personalized welcome packages with elegance & ease
THE GUEST SWEET
PACKAGES AND GIFTS
At The Guest Sweet we offer a beautiful selection of personalized guest packages & hostess gifts. Each option is elegantly designed & thoughtfully curated to meet every style and budget. Whether you're a DIY hostess packager, ask the sister to arrange type, or call the party planner to take care - no more. We have you covered with outstanding customer service, easiest online ordering and the most upscale and beautiful hostess options. Because when it comes to your Simcha, we want a seamless experience of elegance and ease.
Hostess Packages ranging from $12 - $42
Hostess Gifts starting at $12
Door to Door host deliveries available!
Shipping across the US!
Cross hostess packages & gifts off your to do list today!
call/ text/ whatsapp 732.620.0111
email orders@theguestsweet.com
web theguestsweet.com
CONTACT US TO VIEW THE FULL COLLECTION
S|B
S|B
WELCOME TO THE SHABBOS SHEVA BRACHOS OF SIMCHA & BLIMI SCHWARTZ
FRIDAY
SHABBO
NUTS
CHOC

18 YEARS OF CUSTOMER SATISFACTION

EVERY BRAND. EVERY BUDGET.
YOUR DREAM APPLIANCE AWAITS.




NATIONWIDE DELIVERY

PARK AVE APPLIANCE

A WALK IN THE PARK

732.367.3677
parkaveappliance.com
sales@parkaveappliance.com
1750 Cedarbridge Ave, Suite 1
Lakewood, NJ

neudesigngroup.com




**Introducing the Wind Guard** – the ultimate solution for transforming your sukkah into a comfortable, all-season space. By bridging the gap between the awning and walls, the Wind Guard keeps out drafts, debris, and weather, so you can enjoy your sukkah any time of year.

* LIMITED TIME OFFER WITH PURCHASE OF SUKKAH & AWNING

sales@tristateawnings.com tristateawnings.com

A PRODUCT OF

Tri State Awnings®

845.357.5718

א הומאריסטישער און רעאליסטישער בליק אויף אונזערווירטשאפט

פ. זילבער

די "אידענע" אלס מיידל ארייננעלייגט אין סקול
עבודות,
דאס מערסטע וואס שייך, ביזן טאג וואס זי
האט זיך ענדגילטיג געזעגנט פון די מוסדות,
**געמיינט האט מען ווען מען האט פארלאזט**
**סקול,**
**אז מען וועט מער נישט הערן פון היימארבעט**
**נאכאמאל,**
אבער ווען די טעכטער ווערן אביסל גרעסער
און הייבן אן ערשטע-קלאס,
די זכרונות מיטאמאל ארויפשווימען, מען ווערט
בלאס,
**ארויסנעמען די בליי, מעקער, העפטן און**
**פאפירן,**
**ברוכים הבאים צו היימארבעט, מיר אנטפאנגען**
**אייך מיט אפענע טירן,**
מען טרעפט זיך מיטאמאל אין א ביטערער
לאגע,
די סטודענט ווי א פרייע פויגל, טראגט
ניטאמאל די מינדסטע דאגה,
**די איבערגעגעבענע מאמע וועט שוין מאנען און**
**דערמאנען,**
**טון די טעגליכע עבודה, זיין אחריו'תדיג און איר**
**האלטן אין די ראמען,**
מאכן זיכער אז די ארבעט איז פאר'ן קומענדיגן
טאג גרייט,
געסיינט די טעסטס און אלעס איז אין צייט,
**טאג-טעגליך מען טוט א בערגל פון**
**שול-טאשקע ארויסשלעפן,**
**מען פרובירט ארייצובלאזן א געשמאק אין דער**
**עבודה עס זאל נישט וועפן,**
אין אמת'ן איז די צייט אין טאג
איבערגעשטרענגט ביז גאר,
זי איז דאך נישט אין איינציגס פאר א גוט יאר,
**זי זיצט טאקע אויפן בענקל און טוט די**
**היימארבעט מיט דער טאכטער נאכאנאנד,**
**אבער איר איבערגעשטרענגטער מח איז צומאל**
**אין אן אנדער לאנד,**

די אומשולדיגע ברידערליך און שוועסטערס
דארפן זיך מיט דער זעלבער מאמע טיילן,
סערווירן נאכטמאל, אפוישן נעזער, אפשטעלן
קריגערייען און באדן דארף זי זיך איילן,
**מען גייט איבער טייטש און העלפט דעם**
**מארגנדיגן פארהער חזר'ן,**
**בשעת דעם נארוואס-אהיימגעקומענעם זון פון**
**חדר מען הערט אויס פונעם אויער דעם אנדערן,**
א אידישע מאמע קען דאך אלעס, שאך נישט
אונטער אייער געוואלדיגן כח,
נעמט דאס אריין טיף אין הארץ און גרייט אלס
געוואר אין מח,
**אבער א השתדלות וואס מיר קענען יא פרובירן**
**טאן,**
**איז אויטאמאטיש איבערגעבן די אחריות פאר די**
**טעכטער פון קליינוויז אן,**
יא, דיין געטרייע מאמע איז דא פאר דיר
שטענדיג,
אבער שעפעלע מיינס, איך טו עס נישט
אנשטאט דיר, געענדיגט,
**מיר קענען טאקע אונטערשרייבן פארהערן און**
**העלפן מסביר זיין די מאטעריאל,**
**אבער נישט טראגן דעם עול אויף אונזער קאפ**
**ווייל דאס איז שוין נישט-נארמאל,**
טייער קינד, פון היינט אן שענק איך די מתנה
פון אחריות פאר דיר,
צי ווייסטו, די קליינע זיסע דאגה'לע איז באמת
גוט פאר שיעור,
**יא, אונזערע זיסע קינדערליך ווי קליין זיי זענען,**
**כאפן גראד אויף,**
**מיר וועלן שטופן צו זען ווי א באנייטע**
**אחריות אויף זיי קומט ארויף,**
מיט דעם וואס מיר נעמען אראפ די
אליין-געשאפענע דאגה פון אונז, וואספארא
ברכה,
פאר אונזער טייערע אוצרות וועט דאס זיין די
גרעסטע הצלחה...


OUR FAMOUS
CHANUKAH
SALE IS ON
NOW
SPECIAL
ONLY $1799
Sofa Reg $2500
All other sofas $100-$400 off
GCNY
LAZBOY
Genuine Leather
Reclining Sofa
$999 Reg $1200
LAZBOY
Leather Recliner
$699 Reg $1200
Mattresses
$100 - $500 OFF
Dinette Sets
UP TO $200 OFF
MANY MORE IN-STORE SPECIALS!
DINETTES | SOFAS | MATTRESSES | RECLINERS | HI-RISERS
SANDERS
Home Furnishers
WILLIAMSBURG: 40 PENN ST, 718 624.3400
MONROE: 252 ACRES RD, 845.492.5500



Fly, Drive, Play.
זינגט זיסע
ניגונים
Exciting
sounds & lights
אידישע
מענטשעלעך
Quality
Material
MITZVAH AIRPLANE
GARBAGE TRUCK
FIRE TRUCK
HATZOLAH
ישיבה ותלמוד תורה
SCHOOL BUS
לחיים
Lechaim
NOW IN STORES
קינדער גארטן
www.lchaimusa.com • 718-369-2090



BOOM
BOOM
מיין נייע לחיים דראם סעט
איז שוין דא!
זיסע
אידישע תוכן
זינגט 10
פרייליכע חסידישע
ניגונים
עכטע דראמס
sounds
באגלייט
מיט א מייק
Exciting lights
קוואַליטעט געשמאקע שפילצייג פאַר קינדערלעך
וואָס העלפט קינדער אנטוויקלען ידיעות און אידישע באגריפן
מיט דעם באליבטן לחיים טעם.
לחיים
Lechaim
NOW IN STORES
קינדער גארטן

# חכמת נשים

אינטערוויוס און שמועסן מיט
אידענעס פון איבער דער וועלט
איבער אונזער לעבנסשטייגער

## אריינפיר

**ס'זענען דא די מענטשן וואס קענען אריינגעמען סיי וועם אין סיי וועלכן זייגער ביי זיך אינדערהיים, און ברייטהארציג לאדענען צו א ווארעמער קאווע און אויפגעשניטענע קוכן. מרת גאלדבערגער איז פון דעם סארט.**

**אריינטרעטנדיג אין דעם הויז, האט מיך די שמחה און ווארעמקייט וואס האט זיך געשפירט אין דער לופט גלייך איבערגענומען. מרת גאלדבערגער האט מיר געעפנט א פענסטער צו איר פילפארביגן פערזענליכן לעבן. איבער שאקאלאד-קוכן און קאווע, האט זי מיר מיטגעטיילט פון איר חכמת און שמחת החיים. אזא שמועס לאזט זיך נישט אזוי גרינג פארגעסן – און נישט נאר צוליב די שאקאלאד-קוכן...**

■ **וואס קענט איר מיר דערציילן איבער אייער יוגנט?**

איך בין דאס יונגסטע קינד פון א גרויסע משפחה, און איך בין אויפגעוואקסן צווישן גרויסע. איך בין מן הסתם, צו דער דרויסנדיגער וועלט, געווען א פארפיעטשט קינד - אבער באמת בין איך בכלל נישט געווען פארפיעטשט. איך האב געהאט עלטערן מלחמה-איבערלעבער און זיי האבן געטון דאס בעסטע לויט זייערע יכולות מיך אויפצוציען אויפ'ן ריכטיגן וועג.

מיינע עלטערן האבן זיכער אריינגעלייגט אין מיר א שטיקל פון דער אלטער היים. זיי האבן מיר שטארק געלערנט וואס דער ווערד פון א מענטש איז. זיי האבן מיר געוויזן וויאזוי נישט צו זיין אויבערפלעכליך און וויאזוי צו קוקן ווייטער פון וואס מ'זעט מיט די אויגן, וואס דער טיפערער חלק פון א מענטש איז און בכלל די טיפקייט פון לעבן. זיי האבן מיר געגעבן צו פארשטיין וויאזוי נישט צו זיין אריינגעטון אין נארישקייטן.

■ **וויאזוי האבן זיי דאס ענק געלערנט?**

זיי האבן דאס אליין געלעבט, ס'איז געווען א חלק פון זייער וועזנהייט וואס מען האט נישט געקענט פארפאסן. אפילו איך האב עס דאן נאכנישט רעכט פארשטאנען מיט מיין יונגן שכל, אנערקען איך היינט דאס אלעס וואס מיינע עלטערן זענען געווען. יעצט, ווען איך הייב אן אריינצוגיין אין די שטאפלען פון לעבן וואו זיי זענען געווען, פארשטיי איך מיטאמאל מיט וואספארא קוואליטעט עלטערן איך בין אויפגעוואקסן. יעצט, ווען איך קום אן צו דער עלטער וואס מיינע עלטערן זענען געווען ווען איך בין אויפגעוואקסן, זע איך זיי אלס בעסטע ביישפילן וואס קענען נאר זיין. איך הער מיינע עלטערנ'ס קול אין מיין לעבן.

נאך א זאך: איך זע געוויסע זאכן אין מיינע קינדער וואס זיי האבן זיך זיכער געלערנט פון מיינע עלטערן, און איך טראכט, 'זיי האבן ניטאמאל געזען מיינע עלטערן - אבער ס'איז כאילו זיי האבן זיי יא געזען.' אזויפיל לעבנס-לעקציעס זענען אריבער צו מיינע קינדער, ווייל מיינע עלטערן האבן עס אריינגעלייגט אין מיר. מיינע עלטערע קינדער האבן יא געהאט א שאנס צו לעבן מיט מיין טאטן ע"ה, ווייל ער איז געווען זייער אסאך ביי אונז אין די עלטערע יארן. אבער מיינע יונגערע קינדער האבן זיך אלעס געלערנט פון דער לופט וואס מיינע עלטערן האבן איבערגעלאזט.

דאס אלעס זענען לעבנס-לעקציעס וואס קענען קיינמאל נישט פארשוואונדן ווערן. ס'איז געווארן א חלק פון מיין משפחה און פון מיין גאנצן לעבן, אפילו איך האב עס נישט אזוי ווייט פארשטאנען ווען זיי האבן געלעבט.

און היינט, ווען איך הער א קינד מאכ'ן א הויכע ברכה, קען איך זיך אנרופן, 'דאס איז פונקטליך וויאזוי זיידי וואלט עס געוואלט הערן!' אבער באמת איז עס מיינע עלטערנ'ס חכמת החיים וואס זיי האבן איבערגעלאזט אפילו פאר זייערע אור-אייניקלעך.

■ **איז דא א חלום וואס איר האט געהאט אלס קליין און ס'איז טאקע שפעטער מקוים געווארן?**

> מיינע עלטערן האבן זיכער אריינגעלייגט אין מיר א שטיקל פון דער אלטער היים. זיי האבן מיר שטארק געלערנט וואס דער ווערד פון א מענטש איז. זיי האבן מיר געוויזן וויאזוי נישט צו זיין איבערפלעכליך און

**ח. גראס**
845.200.3313 #101

איך האב געהאט אסאך חלומות, צו זיין אמת'דיג... איך וועל זיך אבער נישט איינרעדן, איך האב אלעמאל געהאפט צו קענען מאכן א חילוק אין א מענטש'ס לעבן און איך באקום טאקע אסאך מאל די געלעגנהייט עס צו טון מיט מיין יעצטיגן פאסטן.

איך ארבעט פאר א ביזנעס\ארגאניזאציע וואס העלפט מענטשן וואס מוטשען זיך מיט ביוראקראטישע פראבלעמען. ס'איז פאר קאמפליצירטע פעלער פון מענטשן וואס האבן זיך אריינגעהאנקערט אין שווערע 'רויטע טעיפ', און מיר העלפן זיי בעז"ה ארויסקריכן דערפון. א זייטיגער, אבער גרויסער, חלק פון דער "ביזנעס" איז א גמ"ח וואס בארגט אסאך מאל ארויס ריזיגע סומעס פון געלטער פאר אונזערע קליענטן. אזויפיל מאל דארף א מענטש אויסגעבן יעדע פרוטה וואס ער האט זיך אמאל אוועקגעלייגט כדי צו קענען אנהייבן ארויסצוקריכן פונעם פלאנטער, און גאר אסאך מאל איז זיין געלט נישט אין זיינע הענט און ער האט נישט קיין צוטריט דערצו. ס'זענען כסדר דא מענטשן וואס זענען מנדב געלט פאר מענטשן וואס קענען נישט צוריקצאלן – דורך אונז. בקיצור, עכט איז עס א ביזנעס, אבער...

איך האנדל אסאך דירעקט מיט די מענטשן וואס זענען אריינגעדרייט אין פראבלעמען, און איך פיל ספעציעל גוט ווען איך קען זאגן פאר א ראש המשפחה וואס איז אין שווערן, פארצווייגטן מצב אז פינאנציעל דארף ער זיך נישט זארגן פאר די קומענדיגע פאר חדשים.

כ'האב געהאט אמאל אן אומגלויבליכע מעשה. איין טאג רופט מיר אן מיין בעל הבית אז ער זוכט איינעם וואס גייט האבן א געריכט הירינג אויף א געוויסן דאטום. איך האב דורכגעקוקט אונזערע פיילס און געטראפן אזא איינעם.

פארוואס האט ער עס געדארפט וויסן?

ווייל איינער האט חתונה געמאכט אין יענעם דאטום און ער האט געוואלט מנדב זיין א גרויסע סומע געלט אויף יענעם טאג. דאס איז גאנץ אן אפטע ערשיינונג... ס'זענען דא אסאך גוטע אידן אויף דער וועלט.

איך האב געמאכט א טעלעפאן רוף צו דעם מענטש וואס גייט האבן א הירינג אויף יענעם טאג און אים געזאגט אז ס'איז דא איינער וואס וויל מנדב זיין צען טויזנט דאלאר דווקא פאר איינעם וואס וועט האבן א הירינג אין דעם טאג.

זאגט מיר דער איד, "איך מוז אייך עפעס זאגן. הערט זיך איין. ווילסט גלייבן אין דעם אייבערשטן? אין דער לעצטער יאר צייט, האב איך שוין געהאט אכט הירינגס. צווישן לויערס, עדות'שאפטן און נאך אסאך זייטיגע גרויסע אויסגאבן האב איך שוין געפילט ווי איך ווער ממש דערשטיקט. פונקט נעכטן נאכט האב איך איבערגעטראכט מיין מצב און געטראכט, וויאזוי גיי איך ווייטער? איך קען זיך ניטאמאל פָארשטעלן וויאזוי נאך געלטער וועלן אריינפליען פון פענסטער. וויאזוי פונקטליך גייט דאס געשען? אט האט איר מיר גערופן און מיר אנגעבאטן צען טויזנט דאלאר. נישט אז דאס געלט קען אלעס אויסהיילן, אבער איך פיל אזוי נאנט צום אייבערשטן... דער אייבערשטער האט ממש געהערט מיין בקשה און מיר עס אריינגעשיקט פון פענסטער."

כ'האב דאן געפילט אזוי גוט... ס'האט מיר געגעבן אזא ווארעמע געפיל אז כ'האב געהאט א חלק אין דעם אייבערשטנ'ס וועגן. דער רבוש"ע האט מיר געגעבן די זכי'! כ'האב זיך נישט געקענט בארואיגן דערפון.

און אלס קליין, ווען כ'האב געהאט דעם חלום אז איך וויל נאך אמאל עכט קענען העלפן מענטשן, האב איך נישט געוואוסט פונקטליך וויאזוי דער אייבערשטער וועט מיר געבן די געלעגנהייט עס צו טון... אבער למעשה האב איך אזוי הנאה פון מיין ארבעט – און דווקא פון דעם חלק.

**■ אומגלויבליך! איך וויל הערן מער איבער אייער ארבעט. ווען האט איר אנגעהויבן ארבעטן פאר דער 'ביזנעס'?**

ווען מיין נייגטע קינד איז געווארן דריי יאר אלט און ער האט אנגעהויבן גיין אין חדר, דעמאלטס האב איך באשלאסן אז איך וויל צוריקגיין ארבעטן. אלס מיידל בין איך געוועזן א לערערין, ביז איך האב געהאט מיין צווייטע בעבי. אויך האב איך געהאט א זייטיגע ארבעט וואס איך האב אנגעהאלטן ביז צו מיין דריטע. ווען מיין נייגטע איז אריין אין חדר, האב איך געוואלט צוריק אנהייבן ארבעטן.

**■ פארוואס האט איר געזוכט צוריק אנצוהייבן ארבעטן?**

איך האב געדארפט דאס געלט! פינטל.

ס'איז אינטערעסאנט וואס ס'איז געווארן מיט א פארט-טיים פאסטן. די ערשטע פאר יאר האב איך נאר געארבעט צוויי מאל א וואך; איך האב געארבעט פאר פינף שעה א טאג – צוויי מאל א וואך. דערנאך איז געווארן אביסל מער קאמפליצירט, האב איך אנגעהויבן ארבעטן דריי

↵

# חכמת נשים

מאל א וואך. און מיטאמאל, בערך ביי קאוויד, האב איך אנגעהויבן ארבעטן יעדן טאג. זייט דעמאלסט איז די ארבעט ליידער נישט ווייניגער געווארן...

**■ וויאזוי האט איך אבער געקענט מיט אזויפיל קינדער אינדערהיים?**

ס'איז טאקע נישט געווען ממש גרינג - אבער פארגעס נישט אז אנהייב האב איך עס נאר געטון צוויי מאל א וואך. די אנדערע טעג בין איך געווען אינדערהיים און כ'האב אלעס געקענט ערלעדיגן דעמאלטס. איך האב געקענט האלטן דאס הויז אונטער קאנטראל ווייל איך האב געמאכט זיכער צו זיין ארגאניזירט און אויסשפרייטן מיינע אויפגאבעס אויף די טעג וואס איך האב נישט געארבעט.

ביי קאוויד בין איך טאקע געווארן זייער פארנומען - זייער זייער... אסאך קליענטן זענען צוגעקומען צו אונזער ביזנעס, און איך בין אהיימגעקומען זעקס אזייגער יעדן טאג. צו דעם האט נאך מיין פארהייראטע טאכטער געארבעט און זי האט נישט געהאט קיין בעיביסיטער, איז מיין הויז געווארן די בעיביסיטינג סטאנציע... איך פלעג אהיימקומען צו א קינדערגארטן און איך בין געווען פארנומען ביז איבער'ן קאפ.

אבער יעצט, אפילו איך ארבעט רוב טעג פון וואך, איז שוין אינגאנצן אנדערש. איך האב שוין חתונה געמאכט זיבן קינדער ב"ה, און קיינער דרייט זיך מער נישט אונטער די פיס. מיינע יונגסטע דארפן מיך נישט יעדע סעקונדע פון טאג. זיי קומען אהיים פון דער ארבעט\ישיבה און קענען זיך רואיג אן עצה געבן מיט וויפיל איך בין אוועילעבל פאר זיי. ס'איז נישט אזויווי אמאל ווען איך פלעג אהיימקומען פון דער ארבעט און קינדער האבן געוויינט און געפאדערט. אויך, ווי עלטער מען ווערט, לערנט מען זיך אויס וויאזוי צו האנדלען מיט מער אויפגאבעס. זאכן וואס פלעגן מיך אמאל איבערנעמען ביז'ן ביין, נעמט היינט גארנישט פון מיר; איך קען בלייבן סאך רואיגער ווייל איך קען זיך טאקע אן עצה געבן מיט מער.

און ווייסט וואס כ'האב זיך אויסגעלערנט? ווען דו ארבעטסט און ביסט אן ארגאניזירטע סארט, ברענגט עס דיר זיכער צו קענען ארבעטן מער, און נישט ווייניגער. ס'ברענגט א מענטש צו קענען אנהאלטן א סקעדזשועל. אויב מ'איז אינדערהיים א גאנצן טאג און אלעס קען געשען באלד, מארגן, איבערמארגן, שפעטער - געשעט עס טאקע שפעטער.

**■ און מענטשן וואס זענען אומארגאניזירט?...**

אדער לערנען זיי זיך אויס צו זיין ארגאניזירט, אדער... זענען זיי נישט ארגאניזירט. רוב מענטשן טוישן זיך טאקע נישט, נאר זענען וואס זיי זענען...

**■ ס'איז נישט שווער סיי צו ארבעטן אזויפיל שעות און סיי זיך אפצוגעבן מיט א גרויסע משפחה?**

נאכאמאל, מ'ווערט צוגעוואוינט דערצו און מ'רעכנט זיך אויס. איין שווערינקייט מיט וואס איך האנדל, גאנץ אפט, איז, אז מיין ארבעט קומט יא אהיים מיט מיר. אסאך מאל ווערן מיינע קינדער זייער פרוסטרירט ווען איך ענטפער אן ארבעטס-טעלעפאן-רוף ווען זיי שטייען ארום. ספעציעל צוליב דער עמפינדליכקייט פון מיין פאסטן, אז איך האנדל דירעקט מיט פערזענליכע מענטשן, מאכט אז אזויפיל טעלעפאן-רופן זענען נישט דווקא פון די אנגענעמסטע סארט... ס'איז שווער ווען מוצאי שבת באקום איך א דרינגנדן רוף פון א משפחה וואס...

מיינע קינדער זאפן דאס איין. איך האב זיך שוין אויסגעלערנט נישט צו איבער-רעאגירן צו אזעלכע טעלעפאן-רופן, ווייל וויפיל דארפן שוין מיינע קינדער וויסן?... די שווערינקייט איז נישט דווקא אז זייער מאמע ווערט פארנומען, נאר מיט וואס זי ווערט פארנומען. איין זון, וואס איז אן עמפינדליכער סארט, פלעגט מיר אלעמאל זאגן, 'מאמי, כ'קען נישט.... עד כאן. כ'קען נישט הערן אזעלכע זאכן...' און ס'איז טאקע שווער, ווייל דער חלק פון מיין פאסטן איז אומפארמיידליך. מיינע קינדער באקומען זיכער אסאך קרעדיט פאר דעם.

**■ וואלט איר געראטן א צווייטע אויך ארויסצוגיין ארבעטן אין דער עלטער?**

איך בין געווען סאך יונגער ווען איך האב אנגעהויבן ארבעטן. איך ארבעט שוין פאר דרייצן יאר. איך האב אבער יא געהאט ניין קינדער אינדערהיים, און דאך בין איך צוריקגעגאנגען.

פאר אנדערע וואלט איך גע'עצה'ט אזוי: אויב מען פילט, דורכאויס דעם לעבן, אז מען וויל צוריקגיין צו דער ארבעט, איז דאס בעסטע צוריקצוגיין ווי פריער. איך האב גאנץ אפאר חבר'טעס וואס האבן נישט ממש פארפאסט די

**ווען איך קען צוריקגיין פאררעכטן איין זאך אין מיין לעבן, וואלט עס דאס געווען: איך וואלט געווען רואיגער, רואיגער, רואיגער. איך פלעג אמאל טראכטן אז אויב דאס און דאס ווערט נישט געטון, גייט די וועלט צאמפאלן. די וועלט פאלט נישט צאם**

שיף – ווייל כ'בין נישט אזוי אלט, אבער זיי האבן דאס כמעט פארפאסט. ס'ווערט שווערער זיך אויסצולערנען. ס'זענען דא געוויסע זאכן וואס איך האב נאך אלץ נישט געכאפט; וואס איך ווייס, ווייס איך, אבער וואס נישט, איז שווער זיך יעצט אויסצולערנען.

פון דער אנדערער זייט, ווילסטו זיך נישט אנהענגען אין די קינדער. ס'איז אינטערעסאנט צו ארבעטן – חוץ אויב דו ביסט די סארט וואס קען ארויסגיין שאפפינג יעדן טאג... פאר די מענטשן וואס דארפן עפעס אינדרויסן פון זייער הויז, טרעף זיך טאקע עפעס אינדרויסן פון דעם הויז.

ס'זענען דא מענטשן וואס קענען זיך אליין שטופן איבערצוואוואשן, איבערצוקאכן, איבערצומאכן און איבערצוטון, און צו קאכן נאכטמאל פאר אלע קינדער. פאר איינע וואס דארף דעם שטופ אז מ'מוז זיך צושטעלן צו א סקעדזשועל, וואלט איך זיכער געראטן ארויסצוגיין ארבעטן.

**■ אז איר קענט צוריקגיין צו אייער לעבן און זיך געבן איין עצה טובה, וואס וואלט דאס געווען?**

כ'האב אסאך צו זאגן. האסט אנגערירט א זייער רויען נערוו... ווען איך קען צוריקגיין פאררעכטן איין זאך אין מיין לעבן, וואלט עס דאס געווען: איך וואלט געווען רואיגער, רואיגער, רואיגער. איך פלעג אמאל טראכטן אז אויב דאס און דאס ווערט נישט געטון, גייט די וועלט צאמפאלן. די וועלט פאלט נישט צאם. אויב דיין הויז איז נישט פערפעקט, דיינע עסן זענען נישט פערפעקט, דיין הויז איז נישט ריין און צאמגענומען – שטארבט קיינער נישט. די וועלט עק'ט זיך נישט אזוי שנעל... גארנישט געשעט נישט.

איך זאג דיר דעם עכטן אמת: פאר דער סיבה אליין וואלט איך געוואלט אנהייבן מיין לעבן פון אלף. איך וואלט געוואלט זיין רואיגער און רואיגער און רואיגער. אויב איך וואלט ווען געווען רואיגער, וואלט איך מער ליב געהאט מיינע קינדער, איך וואלט זיי געגעבן מער אומאפהענגיגע ליבשאפט. ווען מ'האט אסאך קליינע קינדער אינדערהיים, איז מען זייער פארנומען. מען פילט אז אויב מען לאזט נאך א קלייניגקייט, ווערט דאס גאנצע הויז צאמפאלן. קענסט נאכלאזן, דאס הויז פאלט נישט איין...

ווען מ'ווערט עלטער פארשטייט מען אז די עק פון דער וועלט איז נאר אויב ס'איז טאקע דער עק פון דער וועלט – און דאס איז זייער זייער ווייט אוועק. מיין חבר'טע האט מיר אמאל געזאגט בשם איר מאן: אז די קינדער גייען שלאפן א האלבע שעה שפעטער, איז גארנישט. אבער אז ווערסט שרייען און זיין אנגעצויגן אויף זיי, וועסטו זיי טון טויזנט מאל מער שאדנס ווי זיי געבן א האלבע שעה ווייניגער שלאף.

אויב האט איר א געדאנק פון איינער וואס איז פאסיג פאר א שמועס אין דער קאלום, ביטע לאזט א מעסעדזש אויף 845.200.3313 #101

**■ א גוטן רעצעפט וואס איר ווילט מיטטיילן מיט די ליינער?**

איך האב א מוצאי שבת מנהג אז ווען מיינע פארפעלקער קומען און איך וויל שנעל מאכן עפעס הייס, מאך איך שנעל א vegetable egg quiche.

איך דינס א צוויבל, און דערנאך לייג צו צום טאפ די vegetable וואס איך זע ערשט פאר די אויגן. ס'קען זיין broccoli, mushrooms, red pepper, spinach, califlour... אפילו eggplant קען ארבעטן.

דערנאך לייג איך צו 6 אייער, א פערטל גלאז מילך, און אביסל זאלץ. איך לאז עס קאכן אויף א נידריגן פלאם פאר בערך 20 מינוט. ערגעץ אינצווישן לייג איך צו cheese פון אויבן און ס'ווערט זייער געשמאק. ס'נעמט אפאר מינוט צאמצושטעלן און ס'איז זייער א גוטע לעצט-מינוטיגע מלוה מלכה.

